Publié par
l'Association pour
l'Etude et la Diffusion
de la Culture Yiddish
et la Bibliothèque
Medem

# דער ייִדישער
# טעם-טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער
געזעלשאַפֿט פֿאַרן
ייִדיש-לימוד און פֿון דער
מעדעם-ביבליאָטעק

**יאָר 3 , נומער 5 (15)**

**סיוון תשנ״ח/יוני 1998**

## פֿון פֿילם ביז פֿוסבאָל

אין מײַ און אין יוני קומען פֿאָר דאָ אין פֿראַנקרײַך אַ ריי וויכטיקע אימפּרעזעס[1] וואָס ציִען צו די אויגן און אויערן פֿון אַ היפּשן טייל פֿון דער וועלט. די ערשטע איז דער **פֿעסטיוואַל אין קאַן**. אין פֿאַרלויף פֿון די צוויי וואָכן וואָס ער דויערט האָט מען דעם אײַנדרוק אַז דאָס גאַנצע לאַנד רעדט און עסט און טרינקט און אָטעמט נאָר קינאָ. דערנאָך הייבט זיך אָן **דער פֿראַנצייזישער אַלוועלטלעכער טעניס־טורניר** – און אַלע נעמען זיך צום רעדן, עסן, טרינקען און אָטעמען נאָר טעניס. אַלץ האָט אָבער אַן עק און, געוויינטלעך, אַרום האַלב־יוני קען מען זיך אָפּשפּאַנען[2] און טראַכטן שטילערהייט וועגן די שוין נאָענטע וואַקאַציעס.

געוויינטלעך, הייסט עס, אין אַ נאָרמאַל יאָר. אָבער 1998 איז נישט קיין נאָרמאַל יאָר. הײַנטיקס יאָר איז פֿראַנקרײַך דער מקום־גדול[3] פֿונעם אַלוועלטלעכן פֿוסבאָל, דאָס לאַנד ווּ ס'קומט פֿאָר דער **„וועלטבעכער"**, די אַלע־פֿיר־יאָריקע בהלה[4] וואָס פֿאַלט אַרויף אויף דער גאַנצער וועלט פֿון אַפֿריקע ביז סקאַנדינאַוויע, פֿון אַזיע ביזביידע אַמעריקעס (הײַיאָר נעמען אָנטייל אַפֿילו די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס געוויינטלעך קענען זיי אין גאַנצן ניט שפּילן, און אויך איראַן, וואָס געוויינטלעך האָבן זיי גאָר אַנדערע זאַכן אין זינען.) אַ גאַנצן חודש וועט עס דויערן און מחנות[5] אויפֿגעקאָכטע פֿוסבאָל־פֿאַנאַטיקערס וועלן זיך אַראָפּלאָזן אויף פֿראַנקרײַך ווי די היישעריקן[6] ! טאָ וואָס טוט מען ? אויב מע האָט ליב אָט די פֿאַרווײַלונג קען מען זיך גוט פֿאַרזאָרגן מיט ביר און קאָקאַ־קאָלאַ און פֿאַרשיידענע נאַשערײַען, זיך אַוועקזעצן פֿאַר דער טעלעוויזיע און זיך פֿאַרטיפֿן אין איין פֿאַרמעסט[8] נאָך אַן אַנדערן. (בילעטן, פֿאַרשטייט זיך, זענען שוין זינט לאַנג אויספֿאַרקויפֿט.) טאָמער מע האָט דאָס נישט ליב איז פֿאַרפֿאַלן, מע מעג זיך באַהאַלטן ערגעץ ווּ און איבערוואַרטן דעם שטורעם.

דערווײַל, אין אונדזער קליינער וועלט, קומען אויך פֿאָר אַ פּאָר צונויפֿטרעפֿן וואָס ס'איז כּדאַי מע זאָל זיי דערמאָנען. אויף דער יערלעכער נאַציאָנאַלער שׂימחה[9], **פֿעט דע לאַ מוזיק**, דעם 21סטן יוני אויפֿן *סקוואַר די טעמפּל*, וועלן אַרויסטרעטן אויף ייִדיש אַ ריי זינגער און כּלי־זמרים[10].

דעם 27סטן און 28סטן יוני אין *בואַ דע ווינסען* לעבן פּאַריז קומט פֿאָר דער **ייִדיש־יום־טובֿ**, ווּ מע וועט רעדן און עסן און טרינקען און אויך הערן מוזיק און דראַמע און קויפֿן ביכער און קאַסעטן, אַלץ מיט אַ ייִדישן טעם.

1. manifestations/events ; 2. se détendre/relax ; 3. MOKEM-GODL haut-lieu/world center, point of attraction ; 4. BAHOLE agitation, confusion/commotion, tumult ; 5. MAKhNES hordes ; 6. sauterelles/locusts ; 7. divertissement/entertainment ; 8. match, competition ; 9. fête/festivity ; 10. KLEZMORIM ; 11. BEShUM-OYFN pas du tout/not at all ; 12. PROTIM *sing.* PRAT détails/details.

## „און איך זע נאָך אַלץ זייערע פּנימער"

אינעם פּאַריזער מעמאָריאַל נאָך די קדושים[1] קומט פֿאָר ביזן 14טן יוני אַן אויסשטעלונג פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדן וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן. די אויסשטעלונג הייסט *און איך זע נאָך אַלץ זייערע פּנימער*[2] און איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון דער שלום־פֿונדאַציע, אַ פּויליש־אַמעריקאַניש־ישׂראלדיקע פֿונדאַציע געגרינדעט אין יאָר 1988 מיטן צוועק אויפֿצוהיטן[3] דעם אָנדענק פֿון די פּוילישע ייִדן. די גרינדערין, גאָלדע טענצער ,איז אַן אַקטריסע און רעזשיסאָרשע פֿונעם ייִדישן אידאַ־קאַמינסקאַ־טעאַטער אין וואַרשע. ביז אַהער האָט די פֿונדאַציע באַקומען מער ווי 8000 פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַ טייל פֿון פּוילישע שכנים[4], אַ טייל פֿון אויסלאַנד, פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער ווּ די פּוילישע ייִדן האָבן זיך באַזעצט.


יאָסעק גאָלדמאַן מיט זײַן שוועסטער וואַנדאַ

אויף די אויסגעשטעלטע בילדער קען מען זען אַלערליי מענטשן, קינדער און זקנים[5], מענער און פֿרויען, רײַכע מענטשן און אָרעמע־לײַט, פֿרומע ייִדן און אַפּיקורסים[6], שטאָט־אײַנוווינערס און ישובֿניקעס[7]. אַ גרויסער טייל פֿון די מענטשן זענען אומגעקומען אינעם חורבן[8].

דאָ זעט מען קינדער אינעם קלאַסצימער, די ייִדישע און נישט־ייִדישע קינדער צוזאַמען. די, וואָס האָט געשיקט דאָס בילד שרײַבט, אַז זי האָט פֿאַרגעסן זייערע נעמען, זי געדענקט אָבער, אַז זיי זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע משפּחות. נאָענט זיצן קינדער אין סקויט[9]־וניפֿאָרמען און זיי שמייכלען צום אָביעקטיוו. ס'איז אויך דאָ אַ וואַסער־טרעגער, וואָס דערמאָנט ווי שווער ס'איז געווען דאָס לעבן אין די שטעטלעך. ווײַטער געפֿינט מען אַ קלאַסישע גרופּע־פֿאָטאָ פֿון אַ חתונה. מע זעט פֿרומע ייִדן אין אַ ישיבֿה, אַ מאַמע מיט אירע קליינע קינדער, יונגע־לײַט אין שווימקעס[10] וואָס הוליען אויף אַ פּלאַזשע, אַן עלעגאַנטע פֿרוי – די פֿרוי פֿון אַן אַדוואָקאַט – מיט צוויי הינט. דאָ הענגט אַ פֿאָטאָ פֿון אַ פּועלי־ציון[11]־דעמאָנסטראַציע אין 1938, דאָרט – פֿרידלעכע משפּחה־בילדער. אָפֿט מאָל האָט קיינער נישט געקענט אויסגעפֿינען זייערע נעמען. ווײַטער זענען דאָ שרעקלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די געטאָס פֿון לאָדזש, וואַרשע, קראָקע און אַנדערע שטעט, טייל פֿון זיי נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע־פֿאָטאָס.

**(סוף זײַט 4)**

1. ...KDOYShIM Mémorial du martyr juif inconnu/Jewish Memorial in Paris ; 2. PE'NEMER *sing.* PONEM visages/faces ; 3. préserver/preserve ; 4. ShKhEYNIM *sing.* ShOKhN voisins/neighbors ; 5. SKEYNIM *sing.* ZOKN vieillards/old people ; 6. APIKORSIM *sing.* APIKOYRES libres penseurs/freethinkers ; 7. YESHUVNIKES דאָרפֿישע ייִדן ; 8. KhURBN Shoah *lit.* déstruction ; 9. Scout ; 10. maillots de bain/swimsuits ; 11. POYLE-TSI'EN parti Poale-Tsion.

# אינעם שיינעם חודש מײַ

## מיט 30 יאָר צוריק אין חודש מײַ האָט אויסגעבראָכן אין פּאַריז אַ מרידה[1] וואָס האָט אויפֿגעטרייסלט[2] די גאַנצע געזעלשאַפֿט.

אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם אוניווערסיטעט פֿון נאַנטער מיטן אויפֿשטאַנד פֿון די סטודענטן און מיט דער שאַפֿונג פֿון דער „באַוועגונג פֿון 22סטן מאַרץ“ , וואָס איר אָנפֿירער איז געווען דניאל כּהן־בענדיט. די אומרוען פֿאַרשפּרייטן זיך אין אַלע אוניווערסיטעטן און דעם 13טן מײַ באַזעצן[3] די סטודענטן די סאָרבאָנע. אין די גאַסן פֿונעם לאַטײַנישן קוואַרטאַל שטעלן זיי אויף באַריקאַדעס. ביימער ווערן אויסגעהאַקט, אויטאָס – איבערגעקערט און פֿאַרברענט. פֿאַר וואָס אַזאַ אויפֿרעגונג, אַזאַ כּעס ?

מען האָט געזאָגט אַז די יונגע־לײַט, וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען נישט מער ווי „צעבאַלעוועטע[4] קינדער“. אין אמתן האָבן אָט די יונגע מענטשן געוואָלט פּטור ווערן[5] פֿון דער קאָנסומפּציע־געזעלשאַפֿט און פֿון דער אַלטער וועלט, ווו מאַכט און היעראַרכיע הערשן אומעטום – אין דער היים, אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, אין די פֿאַבריקן, אין אַלע אינסטיטוציעס. דער פּרעזידענט, גענעראַל דע גאָל, איז געווען אַ מענטש פֿון אַ פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה[6], פֿון די גרויע צײַטן פֿול מיט צוואַנג[7] און פֿאַרווערן[8]. זיי האָבן געחלומט פֿון אַ פֿרייִלעכער, פֿאַרביקער וועלט מיט מער פֿרײַהייט. זייער באַרימט קלינגוואָרט[9] איז געווען : „ס'איז פֿאַרווערט צו פֿאַרווערן“. די סטודענטן זענען געווען דאָרשטיק נאָך גרויסהאַרציקייט און האָבן זיך געפֿילט סאָלידאַריש מיט די אַרבעטער : „סטודענטן, אַרבעטער, סאָלידאַריטעט“, און אויך מיט די פֿרעמדע. „מיר זענען אַלע דײַטשע ייִדן“, האָבן

זיי אויסגערופֿן אין די גאַסן, אונטערשטיצנדיק[10] אַזוי כּהן־בענדיטן, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט אַרויסגעשיקט פֿון פֿראַנקרײַך מיטן תּירוץ[11] אַז ער איז אַ דײַטשער בירגער. זיי האָבן געוואָלט זיך באַפֿרײַען פֿונעם צבֿיעות[12] פֿון דער אַלטער וועלט און האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער סעקסועלער באַפֿרײַונג.

די פֿאָדערונגען פֿון די סטודענטן האָבן זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער געזעלשאַפֿט. אין פּאַריז און אויך אין דער פּראָווינץ ווערן אַ סך פֿאַבריקן באַזעצט. דעם 16טן מײַ באַזעצט מען דעם אָדעאָן־טעאַטער. דעם 20סטן מײַ שטרײַקן שוין 6 מיליאָן מענטשן, מער ווי אין די גרויסע שטרײַקן פֿון 1936. אָן בענזין און אָן טראַנספּאָרט־מיטלען ווערט פּאַריז אין גאַנצן פּאַראַליזירט. מע קען נישט קויפֿן קיין צײַטונג. די קינדער קענען נישט גיין אין שול. די בענק זענען פֿאַרמאַכט. נישטאָ קיין מעטראָ, קיין פּאָסט, קיין טעלעוויזיע, נישטאָ מער קיין צוקער אין די קראָמען...




איצט זענען אַריבער 30 יאָר און די סטודענטן פֿון מײַ 68 וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום זײַן פּענסיאָנערן. אָבער נאָך די פּאַסירונגען פֿון מײַ האָט זיך די געזעלשאַפֿט טאַקע איבערגעביטן, וואָס שייך[13] די באַציִונגען צווישן לערער און תּלמידים, בעלי־בתּים[14] און אַרבעטער, מענער און פֿרויען.

### נאָך עטלעכע קלינגווערטער פֿון מײַ 68

*אַרבעטער פֿון אַלע לענדער, הוליעט.*
*זאָלן די ווענט נעמען דאָס וואָרט.*
*רעדט מיט אײַערע שכנים[15].*
*זאָל הערשן די פֿאַנטאַזיע.*
*דער מלוכהס[16] חלומות זענען אונדזערע קאָשמאַרן.*
*אונטער די ברוקשטיינער[17], דער ברעג ים.*
*זײַט רעאַליסטיש, פֿאָדערט דאָס אוממעגלעכע.*
*רעוואָלוציע, איך האָב דיך ליב.*
*די קאָנסומפּציע־געזעלשאַפֿט זאָל אײַננעמען אַ מיתה־משונה[18].*
*לויף, חבֿר, די אַלטע וועלט איז הינטער דיר.*

1. MERIDE révolte/revolt ; 2. ébranlé/shook ; 3. occupé/occupied ; 4. gatés/spoiled ; 5. POTER ... se débarasser/get rid of ; 6. TKUFE époque/epoch ; 7. contrainte/constraint ; 8. interdits/prohibitions, taboos ; 9. slogan ; 10. soutenant/supporting ; 11. TERETS prétexte/pretext ; 12. TSVIES hypocrisie/hypocrisy ; 13. ... SHAYEKH en ce qui concerne/concerning ; 14. BALEBATIM *sing.* BALEBOS patrons/bosses ; 15. SHKHEYNIM *sing.* SHOKHN voisins/neighbors ; 16. MELUKHE Etat/state ; 17. pavés/paving stones ; 18. MISE-MESHUNE mort violente/violent death.



# מרדכי[1] שטריגלער, דער עדות[2]

**אין פֿעברואַר 1998, ווען אונדזער טעמע איז געווען די ייִדישע פּרעסע, האָבן מיר געהאַט דעם כּבֿוד צו באַקומען אַ בריוו פֿון מרדכי שטריגלער, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פֿונעם *פֿאָרווערטס* און אַ גאָר וויכטיקער פֿיגור פֿון דער ייִדישער וועלט. הײַנט איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה[3] וועגן זײַן טויט אין עלטער פֿון 76 יאָר.**

מרדכי שטריגלער איז געבוירן געוואָרן אין 1921 אין זאַמאָשטש, אין אַ פֿרומער משפּחה, און איז דערצויגן געוואָרן אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופֿן[4]. אין ישיבֿה האָט ער זיך באַלד אויסגעצייכנט ווי אַן עילוי[5] און צו 16 יאָר געקראָגן סמיכה[6]. בשעת דער מלחמה, נאָך אַ לענגערער צײַט אין דער זאַמאָשטשער געטאָ, איז ער פֿאַרשיקט[7] געוואָרן אין אַ גאַנצע ריי טויט־ און אַרבעטס־לאַגערן. נאָך דער באַפֿרײַונג קומט ער אין פּאַריז, וווּ ער ווערט רעדאַקטאָר פֿון דער טאָגצײַטונג *אונדזער וואָרט*. אין דער זעלבער צײַט הייבט ער אָן צו שרײַבן ביכער. אין די יאָרן 1947-1952 גייען אַרויס דרײַ בענד אין וועלכע ער באַשרײַבט זײַנע איבערלעבונגען אין די לאַגערן : *מאַידאַנעק*, *אין די פֿאַבריקן פֿון טויט* און *ווערק־צע*[8]. די דאָזיקע ווערק, וואָס ייִדן האָבן געלייענט איבער דער גאַנצער וועלט, בלײַבן ביז הײַנט צו טאָג צווישן די וויכטיקסטע עדות פֿונעם חורבן[9]. אין 1953 באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק און אַרבעט ערשטנס אין וואָכנבלאַט *דער אידישער קעמפֿער* און שפּעטער אין *פֿאָרווערטס*, וווּ ער ווערט אין 1987 הויפּט־רעדאַקטאָר.



**מ. שטריגלער אין זײַנע יונגע יאָרן**

זייער אַ פּראָדוקטיווער שרײַבער, מחבר פֿון טויזנטער אַרטיקלען און רובריקן אונטער פֿאַרשיידענע פּסעוודאָנימען און אויף כלערליי[10] טעמעס, פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און אויך רעליגיעזע. אַ חוץ זײַנע זשורנאַליסטישע שאַפֿונגען האָט ער איבערגעלאָזט עסייען, נאָוועלעס, פּאָעזיע און אַ פּאָר היסטאָרישע ראָמאַנען. אין 1978 האָט ער באַקומען דעם מאַנגער־פּרײַז פֿאַר ליטעראַטור.

מרדכי שטריגלער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 10טן מײַ. דער *פֿאָרווערטס* און די ייִדישע וועלט האָבן געליטן אַ גרויסע אַבֿדה[11].

1. MORDKhE Mordechai ; 2. EYDES témoin/witness ; 3. YEDIE nouvelle/news ; 4. OYFN manière/way ; 5. ILE enfant prodige/child prodigy ; 6. SMIKhE ordination rabbinique/rabbinical ordination ; 7. déporté/deported ; 8. Atelier C/Workshop C ; 9. Shoah *lit.* destruction ; 10. KOLERLEY toutes sortes/all kinds ; 11. AVEYDE perte/loss.



# פֿונעם בוך „מאַידאַנעק“ פֿון מ. שטריגלער

אין יענער נאַכט איז עפּעס אַלעמען באַפֿאַלן אַן אומרו. שוין זײַט וואָכן זענען אַרומגעגאַנגען פֿאַרשידענע קלאַנגען, אַז אונדזער אַרבעטס־לאַגער אין זאַמאָשטש וועט ליקווידירט ווערן. פֿון פֿאַרשידענע קלענערע לאַגערן אין דער אומגעבונג[1] זענען אָנגעקומען ידיעות[2], איינע גרויליקער[3] פֿאַר דער אַנדערער. עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע „אַקציע“ פֿון אויסרייניקן די לעצטע רעשטלעך פֿון די געבליבענע ייִדן אין לובלינער געגנט.

(...)

שאָסנקנאַלן[4] שפּאַצירן אַרום איבערן באַראַקדאַך מיט שטיפֿערישע, אײַלנדיקע טריט־הילכעלעך[5] און דערשרעקן ביז בלאַס ווערן דעם אָנקומענדיקן טאָג. דעם נײַעם טאָג איז אויך נישט באַזונדערס אויפֿגעלייגט[6] אויפֿן האַרץ. ער קוקט אַרײַן גרוי און טריב[7] דורך די שויבן און עס דוכט זיך, אַז דאָס וויל ער זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זײַן מאַכטלאָזיקייט :

– כ׳קען אײַך גאָרנישט העלפֿן, קינדער... נישטאָ קיין כּוח דערצו...

אויף אַ מאָל דערשפּירן אַלע איבער זיך די פֿליגל פֿון טויט. מײַן חבֿר, איצל, רײַסט מיטן גאַנצן כּעס עטלעכע פֿאַרשטעקטע הונדערטער־באַנקנאָטן זײַנע. זיי צעפֿליִען זיך אין קליינע שטיקעלעך איבערן גאַנצן באַראַק. איך געפֿין אַ פּעקל שוועבעלעך[8] און רײַב אָן קאַלטבלוטיק מיט אַ חשבון[9], איינס פֿון זיי. דאָס וויל איך אָנצינדן אַ שטרויזאַק און – זאָל אַלץ אַרום אַוועק אין פֿלאַמען ! מײַן געדאַנק דערמאָנט מיר, מיט אַ גענויער קלאָרקייט, אַז אַרום אונדז איז פֿאַראַן אַ גרויסער לאַגער מיט פֿולע פֿעסער בענזין און מיר קענען דאָ פֿליִען צוזאַמען מיט אונדזערע באַוואַכער אין דער לופֿטן... (...) הענט רײַסן מיר אַרויס דאָס שאַכטל[10] פֿון די פֿויסטן אַרויס. עמעצער קילט מיך אַ ביסל מיט אַ פֿראַגע :

– ווייסטו שוין אַלץ אויף זיכער ?...

1. voisinage/vicinity ; 2. YEDIES nouvelles/news ; 3. plus horrible/more horrible ; 4. coups de feu/gunshots ; 5. bruits de pas/footsteps ; 6. de bonne humeur/ cheerful ; 7. morose/dismal ; 8. allumettes/matches ; 9. ... KhEZhBM avec une idée en tête/with a plan in mind ; 10 boîte/box.

# שאַ, שטיל – מע דרייט !

**אין די ייִדיש־רעדנדיקע קרײַזן אין פּאַריז הערט מען אַ סך די לעצטע צײַטן וועגן אַ נײַעם פֿילם וואָס ווערט איצט געדרייט פֿון עמנואל פֿינקל[1], דעם רעזשיסאָר פֿונעם קורצפֿילם *מאַדאַם זשאַק סיר לאַ קרואַזעט*. אין דעם דאָזיקן פֿילם, וואָס זײַן פּראָוויזאָרישער טיטל איז *רײַזעס*, פּונקט אַזוי ווי אין ערשטן, רעדט מען צום טייל אויף ייִדיש. שמואל גראָסמאַן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דער פֿילמירונג, באַשרײַבט זײַן ראָלע אין דער גרויסער אַוואַנטורע פֿון מאַכן אַ פֿילם.**

*ווי נאָר איך האָב געזען אַז מע זוכט ייִדיש־רעדנדיקע אַקטיאָרן האָב איך זיך צוגעשטעלט צום „קאַסטינג“. אַ פּנים אַז איך בין נישט געווען צוגעפּאַסט צו זײַן אַן אַקטיאָר, אָבער מע האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו זײַן אַן עצה־געבער[2] אויף די ייִדישע דיאַלאָגן. איך ווע‏ל אײַך נישט דערציילן די גאַנצע אינטריגע, נאָר איר דאַרפֿט וויסן אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ פֿרוי וואָס, 50 יאָר נאָך דער מלחמה, באַגעגנט זי אַ מאַן וואָס קען זײַן איר פֿאָטער. דער פֿילם באַשטייט פֿון דרײַ טיילן : דער ערשטער הייבט זיך אָן אין פּוילן מיט אַ גרופּע פֿון אַ ייִדישער לאַנדסמאַנשאַפֿט[3] וואָס מאַכט אַ רײַזע קיין אוישוויץ. דער צווייטער טייל קומט פֿאָר אין פּאַריז, ווען די פֿרוי באַגעגנט זיך מיט דעם, וואָס איז אפֿשר איר פֿאָטער. אינעם דריטן טייל געפֿינט מען אין ישׂראל די זעלבע העלדן ווי אין אָנהייב.*


**נתן קאָגאַן אויף דער פֿילם־סצענע**

*צו אַרבעטן מיט אַ חבֿרה[4] אַקטיאָרן און פֿאַכלײַט[5] פֿון קינאָ איז געווען פֿאַר מיר זייער אַן אינטערעסאַנטע איבערלעבונג. דער הויפּטהעלד, נתן[6] קאָגאַן, (דער זעלבער וואָס האָט געשפּילט אינעם ערשטן פֿילם) איז אַ גוטער אַקטיאָר פֿון קמרי[7]־טעאַטער פֿון תּל־אָבֿיבֿ אָבער ייִדיש איז נישט זײַן מוטערשפּראַך. האָבן מיר געאַרבעט צוזאַמען כּדי אַרויסצוקריגן אַ ייִדישן דיאַלאָג וואָס זאָל זײַן אי געטרײַ צום סצענאַר אי פֿאַרשטענדלעך. איך האָף אַז מיר האָבן דערגרייכט דעם ציל און דאָס קומענדיקע יאָר וועט איר האָבן די הנאה[8] צו גיין אין קינאָ הערן אַ פּאָר ווערטער מאַמע־לשון.*

1. Emmanuel Finkiel ; 2. EYTSE-... consultant ; 3. société d'originaires/fraternal society ; 4. KhEVRE troupe ; 5. professionels/professionals *sing.* פֿאַכמאַן ; 6. NATAN ; 7. KAMERI ; 8. HANOE plaisir/pleasure.

**סוף פֿון זײַט 1**

מע קוקט אויף אַלע פּנימער און מע ווערט גערירט, טרויעריק און פֿאַרשעמט. זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס וועט געשען, מיר ווייסן גאָרנישט וועגן זיי. זייער וועלט איז פֿאַרניכטעט געוואָרן. די ערנסטע פּנימער קוקן אויף אונדז ווי זיי וואָלטן געשושקעט אויף ייִדיש :

גערעדנקט
מיר זענען געווען לעבעדיקע לײַט
מיר האָבן געוויינט און געלאַכט
גערעדנקט
מיר זענען געווען לעבעדיקע ייִדן
מיר האָבן געליבט און געליטן
גערעדנקט
מיר זענען געווען לעבעדיקע מענטשן
און ייִדיש אונדזער מאַמע־לשון.

ברוניד קערבער־מערל

מיר דערמאָנען אַז דעם זומער קען מען אויסקלײַבן צווישן עטלעכע אינטענסיווע ייִדישקורסן אין אָקספֿאָרד, שטראַסבורג, ניו־יאָרק און (צום ערשטן מאָל) אין ווילנע. איר קענט קריגן אַלע אינפֿאָרמאַציעס פֿון דער געפֿי״ל ( AEDCY : 01.42.71.30.07).

**ייִדיש אויף אינטערנעט :**
**www.yiddishweb.com**
**דער ייִדישער טעם־טעם אויף אינטערנעט :**
**www.yiddishweb.com/tamtam.htm**

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :
ברוניד, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, רובי, שמואל.

***אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :***
*ברוניד, זשיל, יצחק, נאַטאַליאַ, רובי, שמואל.*

**AEDCY**
Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03

**מעדעם-ביבליאָטעק**
Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger 75010 Paris
E-mail : medem@club-internet.fr